צווישן לעבן און טויט

פּראָזע־שאַפונגען פון:

ישראל וויניק
א. ווילטש (יחזקאל ווילטשינסקי)
יוסף קירמאַן
לייב גאָלדין
י. בער (י. בערנשטיין)
ה. גרוויל (ז. סקאַלאָוו)
ש. שיינקינדער
יהושע פּערלע
און פון
אַנאָנימע מחברים

פאַרלאַג „יידיש בוך"
ווארשע, 1955

Wa 69.20491

MIĘDZY ŻYCIEM A ŚMIERCIĄ

Zbiór nowel autorów poległych w gettach i obozach

Zebrał, zestawił oraz przedmową zaopatrzył B. MARK

געזאַמלט, צונויפגעשטעלט און פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון ב. מאַרק

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Bayerische Staatsbibliothek München

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa Nowogrodzka 5

Nr zam. 4203. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w czerwcu 1955 r. Ark. druk. 9,5. Ark. wydawn. 8. Papier druk. mat. V kl. 61 x 86 cm, 70 g. B-6-51004
Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8.

Bayerische Staatsbibliothek München

פאָרוואָרט

פון ב. מאַרק

די אָפטסטע פאָרם פון דער ליטעראַרישער פראָזע פון וואַרשעווער געטאָ איז געווען די קורצע נאָוועלע, דער דינאַמישער בקיצורדיקער סקיץ, די לויפנדיקע פאַרצייכענונג. אין דעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו (רינגעלבלום־אַרכיוו) האָבן מיר געפונען בסך־הכל איין ראָמאַן — ז. סקאַלאָווס „האָק אָן קרייץ" (האַקנקרייץ). לויט געוויסע ידיעות האָט אַ גרעסערן ראָמאַן געשריבן אויך י. פערלע, אָבער עס איז נישטאָ פון דעם קיין שפור. דאָס, וואָס איז געבליבן, איז אין ווייט גרעסטן טייל — נאָוועלע, סקיץ, רעפאָרטאַזש, עסיי, אַלץ קורצע פאָרמען פון דער פראָזע. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. אַנדערש האָט עס אין די אומרואיקע, צווישן לעבן און טויט צאַפלדיקע געטאָ־באַדינגונגען נישט געקאָנט זיין. דאָס „לעבן" איז געווען משונהדיק, שגעונדיק־ווילד און קאַראַהאַדאַרטיק, די טראַגישע געשעענישן זענען שנעל געלאָפן פאָרויס, און קיין מינימאַלע באַדינגונגען אויף אויסצופלאַנירן און אָנשרייבן א גרעסערע זאַך האָבן די פון דער וועלט איזאָלירטע און הונגער־ליידנדיקע יידישע שרייבער נישט געהאַט.

אין דעם דאָ פאָרגעלייגטן באַנד פון דער געטאָ־ליטעראַטור ברענגען מיר א ריי אָפגעקליבענע, כאַראַקטעריסטישע שאַפונגען פון קורצער פראָזע. מיר נעמען אין דעם באַנד אריין נאָוועלן, סקיצן, רעפאָרטאַזשן, עסייען און אפילו א כראָניק („חורבן וואַרשע"), וועלכע פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן נישט בלויז פון פינקטלעכער טרייער שילדערונג פון די גרויליקע געשעענישן, נאָר אויך עלעמענטן פון קינסטלערישן געמעל און פסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג.

ווער זענען די מחברים פון אָט די קורצע פראָזע־שאַפונגען? עטלעכע פון די אויטאָרן זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט דער פולסטער זיכערקייט. וועגן די נעמען פון אַנדערע אויטאָרן זענען מיר זיך משער אויפן

סמך פון אַן אַנאַליז פונעם סטיל און דערקלערונגען פון עדי־ראיה. און צו דער דריטער קאַטעגאָריע געהערן די מחברים, וואָס נישט מיר ווייסן זייערע נעמען, נישט מיר קאָנען וועגן זיי עפּעס זאָגן. דאָס זענען אַ נ אָ נ י מ ע אויטאָרן, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן דורכן היטלעריסטישן פעלקערמערדער און געבליבן נאָמענלאָזע קדושים. פון וואַנען האָבן זיך רעקרוטירט די אַנאָנימע מחברים, וואָס זייערע שאַפונגען זענען צעשפּרייט איבער דער אונטערערדישער געטאָ־פּרעסע און אין פאַרשיידענע טעקעס פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו? אויך דאָס קאָנען מיר נישט וויסן. עס קאָן זיין, אַז געוויסע פון זיי זענען באַקאַנטע יידישע שרייבער; עס קאָן זיין, אַז דאָס זענען באַגאַבטע אָנפאַנגער. אפשר וועלן מיט דער צייט אָפּגעפונען ווערן געוויסע שפורן, אַדאַנק וועלכע מען וועט זיין אימשטאַנד צו דעשיפרירן די נעמען, פּונקט ווי עס איז אונדז געלונגען מיט אַ צייט צוריק צו דעשיפרירן דעם נאָמען פון דעם מחבר פון „חורבן וואַרשע“ (י. פּערלע), אָדער די נעמען פון די פאַרפאַסער פון טאָגביכער (שמואל ווינטער, אברהם ליעווין).

עס זענען אויך פאַראַן אַזעלכע פאַלן, ווען אויף אַ טעקסט איז אונטערגעשריבן אַ פּסעוודאָנים. אַזוי איז, למשל, דער קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש א. נ. „אין אַרבעטס־לאַגער“ אונטערגעשריבן: א. ווילטש, און די אינטערעסאַנטסטע גאַסן־בילדער א. נ. „אויף די גאַסן“ זענען געחתמעט: „שין“. אין ערשטן פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פּסעוודאָנים, וואַרשיינלעך פון דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער און געשיכטלער אינזשעניר יחזקאל ווילטשינסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ און חוץ אַרבעטן אויף היסטאָרישע טעמעס (וועלכע זענען פאַראַן אין צווייטן טייל פון רינגעלבלומס אַרכיוו) געשריבן אויך רעפּאָרטאַזשן אויף דער באַשטעלונג פון דער אונטערערדישער געטאָ־פּרעסע.

וואָס שייך דעם צווייטן פאַל — מיטן אונטערשריפט „שין“ — איז די זאַך אויך אַ קלאָרע. דאָס איז וואַרשיינלעך דער איניציאַל פון דעם יונגן זשורנאַליסט און רעפּאָרטאַזשיסט ש. שיינקינדער, וועלכער איז דער מחבר פון אַ גאַנצער ריי כראָניקאַלע נאָטיצן און זשורנאַליסטישע באַשרייבונגען, וואָס געפינען זיך אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו. דעריבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר דערלאָזבאַר אונטערצושרייבן דעם רעפּאָרטאַזש „אין אַרבעטס־לאַגער“ מיטן נאָמען: יחזקאל ווילטשינסקי, און די בילדער „אויף די גאַסן“, וואָס גייען אַריין אין דאָזיקן באַנד, מיטן נאָמען: ש. שיינקינדער.

אַבסאָלוט פעסטגעשטעלט זענען די נעמען: יהושע פּערלע (מחבר פון „חורבן וואַרשע“ און „4580“), לייב גאָלדין (מחבר פון „כראָניק פון איין

מעת־לעת“), זלמן סקאַלאָוו, וועלכער טרעט אויך דאָ אויף אונטער זיין פּסעוודאָנים ה. גרזיל („אַ שפּאַציר איבער די פּונקטן“), ישראל וויניק (אויטאָר פון „לייב דעמבאָקאָווסקיס אַוועקגיין“) און י. בער — דאָס איז אַ קיצור פון דעם נאָמען יצחק בערנשטיין, אַ באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט פון פאַר דער מלחמה. אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו געפינט זיך אַ גרויסע צאָל זיינע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען. אין דעם דאָזיקן באַנד האָבן מיר אַריינגענומען י. בערנשטיינס (י. בער) כאַראַקטעריסטישן עסיי א. נ. „הונגער אין וואַרשע“.

אין לויף פון דער אַרבעט איבער די טעקסטן, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אינעם איצטיקן באַנד, איז אונדז אויך געלונגען פעסטצושטעלן דעם וואָרשיינלעכן מחבר פון די נאָוועלן און בילדער: „דער חסד פון אַ שטילן טויט“, „כ׳רעד צו דיר אָפן, מיין קינד“, „פון פּליטים־שטעטל“ און „פרוי קראַשעוויטשעס טויט“; דאָס איז לויט אַלע שפורן און וואָרשיינלעכקייטן דער באַוווסטער דיכטער יוסף קירמאַן, וועלכער האָט אין געטאָ געשריבן נישט בלויז לידער, נאָר אויך — און אפשר קודם־כל — פּראָזע.

פולשטענדיק אַנאָנים בלייבן אַזוי אַרום די מחברים פון די פאָלגנדיקע שאַפונגען: „זי האָט אים אָפּגענאַרט“, „קינדער אויפן ברוק“[1] און די ליטעראַרישע נאָטיץ וועגן דעם ווייסענבערג־אָוונט, וועלכע פאַרמאָגט אויך נישט קיין טיטל. מיר האַלטן פאַר נייטיק איינצוגלידערן אין דעם באַנד די דאָזיקע נאָטיץ (פאַקטיש איז עס אַ קורצער ליטעראַרישער עסיי), ווייל זי דריקט אויס — אין קאָנדענסירטע, אָבער זייער באַטייטפולע און כאַראַקטעריסטישע ווערטער — די גרונט־אידעע, וואָס איז געלעגן אין סאַמע יסוד פון די ליטעראַרישע שאַפונגען אין געטאָ און וואָס האָט באַגייסטערט און צוגעגעבן מוט די פיזיש אויסגעפייניקטע שרייבער צו שאַפן און אויסצודריקן. ווער עס איז געווען דער מחבר פון אָט דעם עסיי, ווייסן מיר נישט. אַלנפאַלס דרינגט אַרויס פון זיין אינהאַלט, אַז דאָס איז געווען אַ גוטער ליטעראַטור־קענער, אַן אָנהענגער פון דעם גאָרקי־וועג אין דער ליטעראַטור און אַן אַנטשלאָסענער אַנטי־היטלעריסט. היות ווי דער עסיי איז אָן אַ נאָמען, האָבן מיר זיך גענומען דאָס רעכט אַליין צוצופּאַסן אַ נאָמען. מיר האָבן פאַרן טיטל פונעם עסיי גענומען אַ כאַראַקטעריסטישן זאַץ פון דעם עסיי גופא: „ווי אַ באַהאַלטענער וואַסער־קוואַל פון אונטער דער ערד“... מיר מיינען, אַז דער דאָזיקער זאַץ סימבאָליזירט אין אַ געוויסער מאָס דאָס יידישע ליטע-

[1] נישט פאַרמישן מיט פ. אָפּאָטשינסקיס באַשרייבונג אונטערן זעלבן נאָמען.

ראַרישע שאַפן אין געטאָ. דאָס איז געווען אַ שאַפונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערערד און ווי אַ וואַסער־קוואַל באַשפּריצט דאָס פאַרחושכטע געטאָ־לעבן. און ווי אַן אמתדיקער וואַסער־קוואַל וועט די דאָזיקע ליטעראַטור נישט אונטערגיין, זי דאַרף און וועט דינען נישט בלויז ווי דערמאָנונג פון אַ לעבן, וואָס איז אַזוי אכזריותדיק און טראַגיש פאַרטיליקט געוואָרן, נאָר אויך ווי אַ וואָרענונג אויף דער צוקונפט — קעגן רציחותדיקע רעצידיוון פון מלחמה און פעלקערמאָרד.

* * *

די שאַפונגען, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין דעם איצטיקן באַנד, זענען אַנטשטאַנען אין וואַרשעווער געטאָ אין משך פון אַ ברייטן צייט־אָפּשניט — פון סוף יאָר 1940 ביז סוף 1942. אין גרעסטן טייל זענען דאָס אויף־דער־היים אויפגעכאַפּטע און איילי־אָנגעשריבענע טאָג־אַבסערוואַציעס, און זיי באַשרייבן טאָקע דעם דאָזיקן צוויי־יאָריקן פּעריאָד. דאָס איז בכלל אַן אויסגעשפּראָכן רעאַליסטיש קעגנוואַרט־שאַפן. דער רוב שאַפונגען איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1941. פּערלעס ווערק זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942, און קירמאַנס פיר בילדער פון „כ׳רעד צו דיר אָפן, מיין קינד" זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אונטערערדישער פּרעסע אין פעברואַר—מערץ 1942.

די הויפּט־טעמע פון די אַלע שאַפונגען איז: הונגער. דער דאָזיקער מאָטיוו טרעט אַרויס נישט בלויז אין לייב גאָלדינס גרויסער נאָוועלע (פון אויגוסט 1941), וועלכע איז אייגנטלעך אַ ליטעראַריש־אויפגעפאַסטע שטודיע פון הונגער, און נישט בלויז אין דעם אויפטרייסלענדיקן עסיי פון יצחק בערנשטיין (פון זומער 1941), נאָר אויך — פראָנטאַל אָדער עפּיזאָדיש — אין כמעט אַלע אַנדערע נאָוועלן, סקיצן און פאַרצייכענונגען, סיי ביי די פעסטגעשטעלטע, סיי ביי די אַנאָנימע מחברים. זייער אָפט פלעכט זיך דער הונגער־מאָטיוו צונויף מיט דער קינדער־טעמע: אין קירמאַנס נאָוועלן און סקיצן (פון 1941 און 1942) און אין די „קינדער אויפן ברוק" פון אַן אַנאָנימען מחבר (פון דעצעמבער 1941). דער הונגער־מאָטיוו פלעכט זיך צונויף אויך מיט דער טעמע פון די צוואַנג־אַרבעט־לאַגערן אין א. ווילטשעס „אין אַרבעטס־לאַגער" (פון 1941) און אין די רעמיניסצענצן פון סקאַלאָווס העלדן אין זיינע בילדער „אַ שפּאַציר איבער די פּונקטן" (נאָוועמבער 1941). דער הונגער־מאָטיוו איז אויך אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער טראַגעדיע פון אַרבעטלאָזיקייט און עלנט — אין דער נאָוועלע „זי האָט אים אָפּגענאַרט" פון אַ אַנאָנימען מחבר (פון מערץ 1941). אַרום די

אַלע מאָטיוון — הונגער, אויסשווינדענדיקע טראַגעדיעס פון צאַנקענדיקע קינדער, שטומע טראַגעדיעס פון פאַראייניזאַמטע מאַמעס (ישראל ווינניקס „לייב דעמבקאָווסקיס אַוועקגיין"), גסיסה־שטימונג, וועלכע פלאַטערט איבער די פּונקטן פאַר הימלאָזע, פאַרצווייפלטע באַגערן און בענקשאַפטן הינטער די געטאָ־דראָטן — אַרום די אַלע מאָטיוון וויקלען די מחברים פאַנאַנדער אַ שילדערונג פון געטאָ, אַ ברייטע טרויעריקע פּאַנאָראַמע פון אַן איזאָלירטער מענטשן־מאַסע, גאַסן־סצענעס, וועלכע דערמאָנען די גרויסע הונגער־קאַטאַקליזמען אין אינדיע. די מחברים שילדערן דעם ביאָלאָגישן אומקום פון אַ האַלב־מיליאָניקער באַפעלקערונג, וועלכע איז אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, אָן אַ געריכט און אָן אַ דין, פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיזישן פאַרגיין — פון איבערמענטשלעכער אַרבעט, הונגער און מגפות.

די אין דאָזיקן באַנד פאַרעפנטלעכטע שאַפונגען כאַפּן אַרום, פון אינהאַלט־שטאַנדפּונקט, די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ פון זיין אָפּשליסן אין סוף 1940 ביז נאָך דער ערשטער גרויסער ליקווידאַציע אין יולי—סעפּטעמבער 1942. אַזוי אַרום קאָנען די דאָזיקע ליטעראַרישע שאַפונגען דינען ווי אַ טרייע אילוסטראַציע צו די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דעם „לעבן" און פאַרגיין פון וואַרשעווער געטאָ. מיר האָבן דאָ אַ רירנדיקע שילדערונג פון דער מיגראַציע, פון דעם נע־ונד־וואַנדערן פון יידישע מענטשן אין דער ערשטער צייט, דאָס לויפן פון אָפּגעברענטע שטעטלעך קיין וואַרשע און צוריק; שוין אין דער שילדערונג פון אָט דער צייט (אין ווינניקס „לייב דעמבקאָווסקיס אַוועקגיין") ווערט אַרויסגעפירט די טראַגעדיע פון צעריסענע משפחות, די שטומע בענקשאַפט פון פאַרלאָזטע מוטערס צו זייערע העט־ווייטע וואַגלדיקע זין. מיר האָבן דאָ אַ זייער בולטע שילדערונג פון די ערשטע צוואַנג־אַרבעט־לאַגערן, פון וועלכע דער רוב מענטשן איז געקומען צוריק אייביקע קאַליקעס (א. ווילטשעס „אין אַרבעטס־לאַגער"). מיר האָבן דאָ רירנדיקע בילדער פון נויט („זי האָט אים אָפּגענאַרט"). מיר ווערן אויפגעשוידערט פון סקאַלאָווס געמעל פון דער לאַגע אין די „פּונקטן" פאַר הימלאָזע, וועלכע פאַרלירן צוליב דעם פּערמאַנענטן הונגער דעם צלם מענטש. מיר לייענען בלוט־פאַרגליווערנדיקע שילדערונגען פון דעם חיהשן סאַדיזם פון די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן באַלד אין די ערשטע חדשים פון זייער בלוטיקער ממשלה. מיר געפינען אין קירמאַנס, גאָלדינס, סקאַלאָווס און אַנדערע שאַפונגען אַ שלל דערקענטעניש־מאַטעריאַלן וועגן „לעבן" אין די פּליטים־פּונקטן, אין די קינדער־שפּיטאָלן, אין די פאָלקס־קיכן. מיר באַקומען אַן אָנונג פון נייעם טראַגישן שטייגער. דער דאָזיקער טראַגיש־נייער שטייגער טרעט אויף מער אין דער

גאַס ווי אין דער היים. וועגן „לעבן" אין דער היים אין ווארשעווער געטאָ, וועגן דעם אינטעריער האָבן מיר א מער גענויע אָנונג באַקומען אין די ווערק פון פעלד, אָפּאָטשינסקי און סקאַלאָוו (אין זיין ראָמאַן „האַק אָן קרייץ"). אין דעם איצטיקן באַנד באַקומען מיר אַ ברייטע שילדערונג פון דער געטאָ-גאַס, וועלכע פאַרטרעט דער אָרעמקייט, און בפרט דער ריי-זיקער מאַסע פאַרוואָרלאָזטע קינדער — די היים. שיינקינדער, גאָלדין און קירמאַן, א ריי אַנאָנימע מחברים און טיילווייז סקאַלאָוו באַשרייבן מיט דער ברייטער האַנט די גאַס אין געטאָ, די גאַס מיט איר משונהדיקן הו-האַ, מיט איר געוואַלדיקן הונגער, מיט אירע טאָגטעגלעכע און יעדע-רגע-טראַגעדיעס, מיט אירע ריזיקע צאָלן בעטלער, הפקרדיקע קינדער, מיט איר טראַגישער ווייזע פון הונגערנדיקע, טיף-פאַרוווּנדעטע וועלף, וועלכע עס ברענגט אַרויס י. בערנשטיין, און — מיט איר סאַרקאַסטישן הומאָר, ווי דאָס שילדערט דער יונגער שיינקינדער.

דאָס דאָזיקע בילד פון כאַאָס, שווידערלעכן הונגער, צעהוליעטע מגפות שליסט אָפּ י. פערלע מיט זיין „חורבן ווארשע", וועלכע טרייסלט אויף ביזן טיפן ביין. דאָס איז די שטאַרקסטע באַשרייבונג פון דער ליקווידאַציע פון זומער 1942, וועלכע איז נאָר פאַראַן, און דערנאָך קומט פערלעס טיף-סאַרקאַסטישע שילדערונג פון די לעצט געבליבענע יידן, פון דעם שאָפּן-שטייגער, ווו דער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שקלאַף, אין א נומער.

די אַלע שאַפונגען זענען ווייט פון נאַטוראַליזם. דאָס איז, פאַרקערט, סאַמע אמתדיקער רעאַליזם, סאַמע ווירקלעך לעבן. די שרייבער לאָזן זיך נישט אראָפּשטויסן צו פאָטאָגראַפיעס, צום אָפּגרונד, כאַפּן אויף אין דער אַרומיקער גסיסה און דעם חיהשן יאָגעניש נאָך א כזית ברויט — נישט זעלטענע דימענטן פון עכטער מענטשלעכקייט, פון געפילן פון רחמים און סאָלידאַריטעט, פון אומפאַרלאָשענעם טרוים צוריק צו פאַראייניקטן זיך מיט דער וועלט. עס וויל נישט רעזיגנירן לייב דעמבקאָווסקים פאַרלאָזטע מאַמע פון דעם גלויבן, אַז דער אוועקגעגאַנגענער זון וועט קומען זי נעמען צו זיך, אין איר אַמאָליקער שטוב אַריין, ווו זי וועט שטאַרבן אין אַן אייגענער בעט און אויף אַן אמתער קישן. עס ראַנגלט זיך גאָלדינס הונגעריקער אינטעליגענט קעגן פאַרלירן דעם צלם מענטש. עס פינקלען אויף ביי פשוטע פייערטעס רחמנות-געפילן לגבי די אַרבעטס-לאַגער-אסירים אין א. וואָלטשעס שילדערונג. עס לאָזט נישט אָפּ די אויסגעפּייניקטע יידן דער געפיל פון הומאָר, ווי מיר לייענען דאָס אין שיינקינדערס גאַסן-בילדלעך. עס איז זיכער אין דעם ענדגילטיקן זיג פון גערעכטיקייט, אין דעם אָנקומען פון א נייער וועלט — דער העלד פון סקאַלאָווס שילדערונג, דער

הצי-פילאָזאָף און הצי-דיכטער, דער קרבן פון דער אומיושרדיקער אָרדענונג — מעדזינסקי. און מיט גרויס וואַרעמקייט, מיט אמתער ליריק קומען אויף די מאָטיוון פון קירמאַנס סקיצן, די מאָטיוון פון בענקשאַפט נאָך פרייהייט. אין דער סקיץ „הינטער ווארשע ברענט" האָט דער וואָרשיינלעכער מחבר, יוסף קירמאַן, געבראַכט צום אויסדרוק די ווידערשטאַנד- און נקמה-באַגערן, וואָס שטעקן טיף אין די נשמות פון די ווירדיקע אסירים, וועלכע זענען גייסטיק קיינמאָל נישט געוואָרן קיין שקלאַפן. דער טאַטע אין קירמאַנס סקיץ א. נ. „ס'וועט זיין ווי אין א טרוים" וויקלט איין זיין קליין זונעלע מיט די ווערטער:

„דאָרט, מיין טייער, מיין ליבנדיק קינד,
„וועט זיין —
„ווען ס'וועט קומען —
„יענער גרויסער —
„יענער גרעסטער —
„און לעצטער, סאַמע לעצטער שיין טאָג".

דאָס איז א בפירושער אָנדייט אויף דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און א נביאותדיק וואָרט וועגן דעם גרויסן, העראָישן אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ. דאָס איז אַן אויסדרוק פון טיפן גלויבן אין באַפרייונג. די דאָזיקע ווערטער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מערץ 1942, ווען די דייטש-פאַשיסטישע חיילות האָבן אָנגעהויבן באַקומען אַלץ מער ווייטיקלעכע קלעפּ אויפן מזרח-פראָנט און ווען אין אָקופירטן פוילן האָבן זיך צעשאַלט די ערשטע קלאַנגען פון אויפגערייסענע היטלעריסטישע צוגן דורך פאַרטיזאַנישע קעמפער.

מיט א פּאָר חדשים שפּעטער וועט קירמאַן, א טיף דערשיטערטער און צעבראָכענער — צוליבן אַלגעמיינעם, נאַציאָנאַלן, און אייגענעם, משפּחהדיקן, אומגליק — אָנשרייבן זיינע צוויי לידער פון אומשלאַג-פּלאַץ. מיט דער טיפסטער ביטערניש וועט ער וואַרפן אין פּנים אַריין דער פּאַרעטערישער געטאָ-פּאָליציי איר מיאוסע געהילף-ראָל ביים כאַפּן יידן צום טויט-גירוש. עס וועט יהושע פערלע דורכפירן א גענויען אַנאַליז פון דעם דאָזיקן פּאַראַט. ער וועט אויך מאַכן א חשבון-הנפש, פאַרוואָס עס איז נישט געווען בעת דער ערשטער ליקווידאַציע קיין מאַסן-ווידערשטאַנד, און וועט אומדירעקט רופן צו אקטיווער זעלבשוץ (אין „חורבן ווארשע"). אַזעלכע געדאַנקען האָט געבוירן נישט קיין ליטעראַטור פון טויט, נאָר א שאַפונג, וואָס האָט געגלויבט אין ענדגילטיקן נצחון פון גוטס איבער

שלעכטס, פון מענטשלעכקייט איבער קאניבאליזם. דאס דריקט אויך אויס דער אומבאקאנטער מחבר פון דעם דערמאנטן ליטעראַרישן עסיי; ער פארענדיקט זיין קורצע אפהאנדלונג מיט די ווערטער: „יידישע יוגנט... פאלט נישט ביי זיך, שטארקט אייך און זאמלט כוחות אויף דורכצוהאלטן, ביז ס'וועט אויפשיינען די זון פאר אלע, אן אויסנאם, קינדער פון דער ערד... דאן וועלן מיר פייערן און באערן אויך די לעבנדיקע, שאפנדיקע יידישע קינסטלער אויף אלע געביטן פון קולטור און ציוויליזאציע".

די מחברים פון די שאפונגען, וואס גייען אריין אין דעם דאזיקן באנד, האבן נישט דערלעבט די באפרייונג. עס זענען געבליבן געציילטע ווערק זייערע, אדער שפליטערס פון די ווערק. דורך די דאזיקע אפגעראטעוועטע בלעטלעך רעדט צו אונדז די פארשניטענע יידישע פאלקס-מאסע פון ווארשע מיט איר זאפטיקן לשון און בילדערישן סטיל. זי דערציילט וועגן זיך, וועגן דעם טראגישן גורל, וועגן די דערהויבענע, נישט-פארלאשענע טרוימען, זי דערציילט וועגן דעם מאוימדיקן לעבן, וועגן דעם לאנגן, צוויי-יאריקן צאפל צווישן לעבן און טויט.

די זאמלונג רופן מיר טאקע אן מיטן דאזיקן נאמען: צ ו ו י ש ן ל ע ב ן א ו ן ט ו י ט. אזא איז געווען די אלגעמיינע לאגע פון די געטא-אסירים אין דער צייט-אפשניט 1940—1942. אין אט דעם טראגישן פלאטער צווישן זיין און אומקום האט אויפגעבליצט דער רוף פון דער יידישער ווידערשטאנד-באוועגונג, וואס זיין עכא הערן מיר ביי קירמאנען און טיילוויז ביי פערלען.

די דאזיקע צוויי שרייבער האבן איבערגעלעבט די ערשטע ליקווידאציע. זיי זענען געווען עדות פון די ערשטע אקטיווע אקטן פון דער יידישער קאמפס-ארגאניזאציע. צי האבן זיי געגעבן דער דאזיקער דערשיינונג א תיקון אין זייער שאפן? דאס איז נישט באוווסט. דער סוף פון קירמאנס טראגישער וואנדערונג איז געווען אין אן ארבעטס-לאגער אין לובלינער קאנט. פערלע איז נאך פארשיידענע וואגלענישן אומגעקומען אין אשוויענטשים.

נאך זיי און נאך די אלע אנדערע באקאנטע און אנאנימע מחברים פון דעם דאזיקן באנד זענען געבליבן די עטלעכע שאפונגען, וועלכע שילדערן די געשעענישן און געפילן פון דער איזאלירטער יידישער באפעלקערונג און דעם אומרואיקן צאפל צווישן לעבן און טויט, צווישן דעם ווילן אויסצודויערן און דעם גזר-דין פון די היטלעריסטישע פעלקערמערדער, די פארטיליקער פון זעקס מיליאן.

* * *

אין דעם באנד גייען אריין שאפונגען פון די פאלגנדיקע שרייבער-קדושים פון ווארשעווער געטא: יהושע פערלע, יוסף קירמאן, זלמן סקאלאוו, לייב גאלדין, יצחק בערנשטיין, ישראל וויניק, ש. שיינקינדער, יחזקאל ווילטשינסקי און דריי מחברים, וואס זייערע נעמען זענען ביז איצט נישט געווארן פעסטגעשטעלט.

י ה ו ש ע פ ע ר ל ע (1888—1944) איז א גוט-באקאנטער יידישער פראזאיקער. ער איז א מחבר פון א גאנצער ריי פראזע-ווערק, וועלכע האבן אים געמאכט א נאמען אין דער יידישער ליטעראטור. אין זיינע פאר-מלחמהדיקע ראמאנען און נאוועלן שטייט פערלע צווישן ראמאנטיזם און רעאליזם. אין משך פון א געוויסער צייט איז פערלע באגאנגען א זינד לגבי דער יידישער ליטעראטור, באנוצנדיק זיין זאפטיקע און טאלאנט-פולע פען צו שרייבן שונד-ראמאנען אונטער א פסעוודאנים („דריי שטערנדלעך"). ער האט עס אין די שפעטערדיקע יארן טיף וויטאגלעך דורכגעלעבט און טראגיש באדויערט, און ווי א זעלבסטרעהאביליטאציע האט ער אנגעשריבן די באקאנטע ראמאנען „די גאלדענע פאווע" און „יידן פון א גאנץ יאר", אין וועלכע עס איז געקומען א בפירושער קער צום קריטישן רעאליזם. א גוטן איינפלוס האט אויף פערלעס קינסטלערישער אנטוויקלונג געהאט דער קורץ-דויערנדיקער סאוויעטישער פעריאד אין זיין שאפן. דערנאך איז געקומען די ביטערע צייט פון ווארשעווער געטא; אין אט דער נסיונות-פולער צייט האט פערלע אנגעשריבן די צוויי ארבעטן, וועלכע מיר ברענגען אינעם איצטיקן באנד, און ווארשיינלעך אויך א ראמאן, וואס איז, צום גרויסן באדויערן, פארלוירן געגאנגען.

אין פערלעס שאפונג „4580" קומט צום אויסדרוק אויך אן אויטאביאגראפישער עלעמענט, און סיי אין דער דאזיקער סאטירע, סיי אין דער אויפטרייסלענדיקער כראניק „חורבן ווארשע" איז פאראן א חשבון-הנפש — אי א פערזענלעכער, אי א געזעלשאפטלעכער [2].

י ו ס ף ק י ר מ א ן (1896—1943) געהערט צו די סאמע טאלאנט-פולע פון דער יידישער דיכטער-פלעיאדע אין פוילן נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה. דאס איז א דיכטער א רעאליסט, מיט א שטארקער סאציאלער וויזועלער קראפט, א שרייבער, וואס איז געשטאנען נאענט צו די ארבעטנדיקע מאסן. אין געטא האט ער געשריבן סיי פאעזיע, סיי פראזע. אויב אין משך פון די לעצטע ערב-מלחמה-יארן האט קירמאן וויניק גע-

[2] געניויער וועגן פערלען און זיין לעצטן טראגישן פעריאד זע אין: ב. מארק, „די אומגעקומענע שרייבער פון די געטאס און לאגערן", און דעם ארטיקל פון זעלבן מחבר א. נ. „יודענראטישע „אהבת-ישראל"" אין „בלעטער פאר געשיכטע", ב. 5, העפט 3.

שריבן, איז ער געוואָרן זייער אַקטיוו אין שרייבערישער הינזיכט אין דער טראַגישער געטאָ-צייט. א סך פון זיינע שאַפונגען פונעם געטאָ-פעריאָד זענען פאַרלאָרן געגאַנגען. עס זענען געבליבן צוויי לידער פון אומשלאַג-פּלאַץ, א טיף-טראַגישער בריוו פון זעלביקן ערב-אומקום-אָרט און די פּראָזע-חיבורים, וועלכע מיר ברענגען אין דעם דאָזיקן באַנד[3].

וועגן זלמן סקאַלאָוו (ה. גרויל) האָבן מיר שוין געשריבן אין אַן אַנדער אָרט — אין דעם פאָרוואָרט צו זיין ראָמאַן „האַקנקרייץ" (האַק אָן קרייץ). דער קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש פון דעם שרייבער, וועלכן מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, איז, ווייזט אויס, איינער פון א סך פאַרצייכענונגען און סקיצן, וואָס ער האָט געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ.

ליב גאָלדין איז א ווייניק באַקאַנטער שרייבער. פאַר דער מלחמה האָט ער זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור-קענטעניש און אַלגעמיינע פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע טעמעס. אין געטאָ האָט ער געלעבט אין גרויס נויט, און זיין שאַפונג, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, פאַרמאָגט א סך אייגענע איבערלעבונגען.

יצחק בערנשטיין איז פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט ווי אַ ליטעראַטור-קריטיקער. בערנשטיין האָט געהערט צום בירגערלעכן לאַגער. אין געטאָ האָט ער א סך געשריבן, אַריינפאַלנדיק נישט זעלטן אין מיסטיק. דאָך פאַרמאָגן געוויסע זיינע זאַכן, ווי למשל, דער עסיי, וועלכן מיר דרוקן אין דעם דאָזיקן באַנד, נישט בלויז א סך דערקענטעניש-מאַטעריאַל (קודם-כל אין הינזיכט פון דערקענען די הונגער-שטימונג אין געטאָ), נאָר אַ שטאַרקע וויזיע פון דעם אַלץ-פאַרניכטנדיקן הונגער-מולך.

ישראל וויניק איז געווען אין געטאָ א מיטאַרבעטער פון „עונג שבת" (אונטערערדישער געטאָ-אַרכיוו). ער האָט דעביוטירט אין די מלחמה-יאָרן. ער איז אומגעקומען (ווי עס גייט איבער אין זיינע נאָטיצן אברהם לעווין) בעת דער ערשטער גרויסער ליקווידאַציע, דעם 29-טן אויגוסט 1942.

ש. שיינקינדער איז געווען א יונגער זשורנאַליסט און אַ רעדאַקטאָר פון א יידישער ספּאָרט-צייטונג. בעת דער דייטש-פּוילישער מלחמה איז ער געווען אין פּוילישן מיליטער. ער איז צוריקגעקומען אין געטאָ. ער האָט אָנגעשריבן א גרויסע צאָל זשורנאַליסטישע און כראָני-

[3] געניוער זע אין דער דערמאָנטער אַרבעט פון ב. מאַרק.

קאַלע פאַרצייכענונגען און אויך לידער, וועלכע מען האָט געזונגען אין געטאָ.

א. ווילטש איז, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, וואַרשיינלעך א פסעוודאָנים פון יחזקאל ווילטשינסקי, דעם מחבר פונעם באַקאַנטן בוך „יידישע טיפּן אין דער פּוילישער ליטעראַטור", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1928 אין וואַרשע. ער האָט אין דער געטאָ-צייט אויך אָנגעשריבן היסטאָרישע אַרבעטן פון דער קולטור-געשיכטע פון יידן אין פּוילן אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט.

די מחברים, וואָס זייערע נעמען איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, וועלן מיר אָנרופן: אַנאָנים.

זאָל דער דאָזיקער באַנד זיין א באַשיידענע מצבה נאָך די דערמאָנטע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שרייבער, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט זייער פאָלק.

ב. מאַרק

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט פון ב. מאַרק	5
אַנאָנימער מחבר	
ווי אַ באַהאַלטענער וואַסער-קוואַל פון אונטער דער ערד	17
ישראל וויניק	
לייב דעמבקאָווסקיס אַוועקגיין	20
א. ווילטש (יחזקאל ווילטשינסקי)	
אין אַרבעטס-לאַגער	24
יוסף קירמאַן	
דער חסד פון אַ שטילן טויט	30
כ'רעד צו דיר אָפט מיין קינד	35
פון פליטים-שטעטל — דזשיקע און ניסקע	39
פרוי קראַשעוויטשעס טויט	43
אַנאָנימער מחבר	
קינדער אויפן ברוק	46
לייב גאָלדין	
בראָניק פון איין מעת-לעת	49
י. בער (י. בערנשטיין)	
הונגער אין וואַרשע	66
אַנאָנימער מחבר	
זי האָט אים אָפגענאַרט	70
ה. גרויל (ז. סקאַלאָוו)	
אַ שפּאַציר איבער די פונקטן	73
ש. שיינקינדער	
אויף די גאַסן	97
יהושע פערלע	
חורבן וואַרשע	100
4580	142

י. בער (י. בערנשטיין)

הונגער אין ווארשע

(פּאָעמע)

ווארשע!

כ'האָב דיך געזען א ברענענדיקן שטורקאַץ אין שפּעט-זומערדיקע, פרי-הארבסטיקע נעכט פון סעפּטעמבער 1939. געזען האָב איך דיך אין פארפייניקנדיקן הונגער פון באַלאַגערונג (ווען מענטשן האָבן אין געציילטע וואָכן גענערט זיך מיט קערעלעך און מיט אוגערקעס), ווען שרפות האָבן געברענט, און געבלענדט, און געלויכטן אין די אָסיענדיקע נעכט. יענער הונגער איז געווען א תענית פון באלאגערונג, נישט געדעקט איז געוואָרן ק ײ נ ע מ ס טיש. וואַרשע! די פלאַמענדיקע נעכט פון סעפּטעמבער זענען געווען גרויליק און שיין. היינט, אין העלפט פון 1941, האָט הונגער קאָשמאַר געבוירן, און קאָשמאַר האָט אויף בראָך-שטול אומזין געוואונען, און אומזין האָט מענטשלעכע הערצער פארשטיינערט. און עס גייען אום אין דיינע גאסן מענטשלעכע חורבות און אויסגעלאָשענע געוויסנס. עס זענען אויפגעשטעלטע מזבחות אויף דיינע גאסן, און עס ווערן קרבנות אויפגעבראכט פון מענטשלעכע גופים, וואָס פאלן אין די צענטויזנטער אונטערן הונגער-מעסער. און אויף מזבחות אנדערע קומט פאָר א שווארץ-שבת פון גייסטער ביי מענטשלעכע געוויסנס אויף אייביק פאַרלאָשן, אַ וואַקכאַנאַליע-טאַנץ, אַן אומזיניקער, ווי פאר עשתרות, ארום זאטן טיש פון געגנום.

וו אַ ר ש ע !

עס פירט הונגער ארום דיר אן אומגעזעענע באלאגערונג, עס האָבן הערצער און געוויסנס זיך פארפאנצערט פאר הונגער-פיילן און פארן געשריי פון הונגעריקע. ווארשע, דו ביסט א בית-הקברות, עס וואָיעט הונגער אין דיינע גאסן דורך פארכריפּעטע העלדזער — ווי סטאַדעס וועלף. נאָר די וועלף, זיי פארציקן נישט, נאָר זיי שטאַרבן. זיי ציען דורך די גאסן פון שטאָט מיט געוויין, געבעט און יאָמער, מיט געשריי פאַר פארלענדונג, דער געשריי פאלט צוריק, שפרינגט אָפּ פון דיינע מויערן, פארפאנצערטער ראַיאָן. ווארשע, דו ברענסט און בלענדסט ווי מיט איידל-שטיינער, מיט שקאָרבוט און שחין, וואָס בליט אויף מענטשלעכע פּנימער און אויף לייבער פארפייניקטע. ווארשע, דו ביסט א מזבח פאר הילפלאָזע און אַ לעבעדיקער דענקמאָל פאַר דעם שטן. וואַרשע, דו ביסט גרוים און זינדיק, ביסט פיין און אומגליק!

* * *

איך האָב געזען היינט א שווארצע עגלה, מיט א טיר געעפנטער, און אן ארון מיט א מת אין איר איינגעווייד. א פרוי איז נאָכגעלאָפן אן אויסגעריסענע אין איר געשריי איינע אַליין. און אַ גאַנצע גאַס מענטשן האָט מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אויף איר און אויף איר געשריי. זי האָט געצויגן זיך, נאָכגעלאָפן דעם ארון ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, און אלע ארום האָבן געגאפט. מיין פריינד האָט מיר דערציילט היינט, אז אין זיין שכנות איז פון א פאמיליע פון 8 פארבליבן אַ מאַמע מיט א זון. ווייסט מען נישט, וועמען פון זיי וועט פריער פארשניידן די קאָסע פון הונגער. גייען זיי ארום, מוטער און זון, געלע, אויסגעטריקנטע גופים און לייכטן און ברענען מיט פאָספאָרישן ליכט.

עס ציען זיך הענט מיט יאָמערדיקער בקשה. מענטשלעך געבעט... ווען מען זאָל פארשרייבן אויף פארמעט די הונדערט טויזנט פארשידנבארירטע בקשות, וואָס ציען זיך פון מענטשלעכע הערצער אין דיינע גאסן און הויפן יעדן טאָג, וואָלט עס אַ נייער תהילים געווען. וואָרום הונגעריקע רעדן ווי פּראָפעטן און שטאַרבנדיקע ברענען און בלענדן מיט אינערלעכער ליכט.

עס זענען אין גאַס אַרוים האַלביעריקע עופהלעך אין קישנס, מיט בקשות אויף פּאַפּיר אָנגעשריבענע, מיט פארפינצטערטע מאַמעס דערנעבן שטייענדיקע.

אַ בלינדער, וואָס האָט 40 יאָר געטראָגן זיין געזאנג איבער די הויפן פון ווארשע, שטייט איצט אויף דער גאַס און בענטשט און דראָט און מאָנט זיין ביסן ברויט. זיין קול און זיין געבעט זענען גוט באקאנט. ער דערקענט אָבער נישט זיין עדה. דראָט ער און מאָנט און שילט און בלייבט אומדערהערט. מיט זיינע בלינדע אויגן רופט ער די עדה און קאָן זי נישט דערזען.

דער בעטלער האָט צוויי קינדערלעך געשטרעקט צו די באלקאָנען און געמאָנט פאר זיי חיונה. נעכטן האָט מען אים די קינדער צוגענומען. שטייט דער בעטלער ווי אַ בוים א נאקעטער אין הארבסט-צייט, הויבט זיינע הענט צו די באַלקאָנען און שרייט אין געבעט: „איך וויל נאָך נישט גיין צו מיינע קינדער“. געטריי איז ער געווען זיינע קינדער ביי זייער לעבן (געפירט זיי פון שטוב אין גאס, פון גאס אין שטוב אין פרעסט און שנייען און אין ברענענדיקן תמוז). היינט איז ער אָן זיי געבליבן.

אַן עדה, אַ שטאַרבנדיקע, האָט זיך איינגעשפּאַרט: מיר ווילן לעבן! איינגעפאַלענע פּנימער, ווילדע אויפגעריסענע אויגן.

„עס הונגערט, עס הונגערט, עס הונגערט“ — שרייט מיט ווילדקייט אַ געטראָגענער מיט אימפּעט, מיט ווילדן בליק, געווענדעט צו דורכגייער און צו זוניקע אויפגעריסענע באַלקאָנען, „ס'הונגערט“ — נישט קיין וואָרט מער ווי „ס'הונגערט“. טרוקענער ווערט זיין גוף פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג. שטילער, הייזעריקער ווערט זיין שטים. אָבער האַסטיק ווילד קלינגט זיין וואָרט, וואָס וועט זיין לעצט וואָרט זיין. ער שטעלט זיך אָפּ און קרייט אויס מיט באַנומענעם קול:

— „עס־ה־ו־נ־ג־ע־ר־ט“! — ווי אַ סטאַדע קראָען באַגלייטן דעם אויסגעשריי קורצע אָפּגעהאַקטע פאַרכריפּעטע קלאַנגען: „ס'הונגערט, ס'הונגערט, ס'הונגערט!“ — באַגלייט מיט ווילדן בליק, מיט קנאָכיק־אויסגעשטרעקטער האַנט. דאָס גיריקע וואָרט און דער ווילדער בליק וועלן באַלד פאַרגיין צוזאַמען מיטן גוף, וואָס ברענגט זיי אַרויס. און אויפשאַלן וועט דער פּראָטעסט פון הונגער דורך אַנדערע אויסגעקרימטע ליפּן.

עס האָט אָפּגעהילכט אַ הויך געזאַנג אין די פרימאָרגן־שעהן אין אונדזער הויף. אַן אַלטער מוזיקאַנט מיט זיינע צוויי זין האָבן אויסגעזונגען אַ העלן לויב צו גאָט. געזעסן איז דער אַלטער מוזיקאַנט אויף אַ פּיסן־בענקעלע, וואָס ער טראָגט מיט זיך. געשפּילט אויף זיין האַנט־האַרמאָניע, פון ביידע זייטן זיין גוואַרדיע — זיינע צוויי זין. נעבן אים, פאַר אים, זענען צוויי געשוואָלענע פיס ווי קאַנען. ער האָט ליכטיק־העל געשפּילט, און זיינע זין האָבן געזונגען. העל און ליכטיק און פייערלעך זענען אויפגעגאַנגען די קלאַנגען אין חלל פון הויף, און העל געלויכטן האָבן און פייערלעך געשטומט די ווענט פון אונדזער הויף. און געזאָגט האָט דער מוזיקאַנט אַזוי: „איך וועל סיי־ווי שטאַרבן; וואַרפט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט, נישט פאַר מיר, נאָר פאַר די יינגען מיינע, וואָס זענען געשוואָלן פון הונגער“. און פייערלעכע טענער האָבן זיך געהויבן פון זיין האַרמאָניע און פון געזאַנג פון די יינגען, וואָס איז דורך קיינעם נישט געשטערט געוואָרן אין דעם זוניקן פרימאָרגן. בלויז אַ האַלבן כזית ברויט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פענצטער, האָט דער יינגערער זון געטוליעט צו זיין מויל, כדי עס זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן די קרישקעס ברויט. שפּעטער האָט נאָך שאַליקער אויפגעקלונגען דאָס געזאַנג און די מוזיק, דער אַלטער האָט פאַר די ווענט אויסגערעכנט די מוזיק־נומערן, לאַנג געפּלאָסן איז דאָס געבעט פון קלאַנגען, זיך געטוליעט צו די נישט־האָרכנדיקע ווענט און אויפגעגאַנגען צו דעם הימל־בלוי אין פייערלעכן פּראָטעסט און לויב. —

עס האָבן קינדערלעך באַלייגט דעם טראָטואַר. דאַרע גופימלעך, שקעלעטלעך. פּנימער פאַרטריקנטע. ביי איינעם בלויז איז דאָס פּנים אויפגעגאַנגען, אויפגעיוירן ווי אַ טייג מיט געשווילעכץ, דאָס פּנים זיינס פּירקאַנטיק, אומנאַטירלעך גרויס, אומבאַוועגלעך. זעט עס אויס ווי אַן אַלטער קוראַנט־זייגער, וואָס כריפּעט

אויס דעם איינציקן קלאַנג אין אומאויפהערלעכער מאָנאָטאָניע: „ברויט, ברויט, ברויט!“. קינדערשע הערצלעך פּישטשען ווי פייגעלעך: „ברויט, ברויט, ברויט!“. דאָס מאַגישע וואָרט „ברויט“, וואָס איז געדעכעניש און אָנונג. „ברויט“ — קינדערשע פינגערלעך האָבן עס שוין לאַנג נישט באַרירט, וועלן עס שוין נישט באַרירן.

אַ יונג, אַ האַלב־אַנטבלויזטער, אַ פאַנאַנדערגעלייגטער אויף אַ האַנטוועגעלע, שטופּט זיך אָפּ, פירט אַליין זיין עקיפּאַזש. ער זיצט אויסגעלייגט, די פיס־סטאָפּעס בלוטיק אָפּגעשניטן און כמעט נאָך נישט פאַרהיילט, ווי פון אַ יאַטקע־קלאָץ אַוועק. די פיס אַנטבלויזט ביז אַרויף צום קערפּער, שיינענדיק רויט אין דער זון. און זיין וואָרט איז קלאָר: „איך קום פון אַ לאַגער נאָך אַן אָפּעראַציע“. דער אָפּגעדעקטער יונג בלענדט ווי אַ שטורקאַץ אַ ברענענדיקער, ווי אַ געטלעך געשטאַלט, וואָס פאָרט אַדורך פייערלעך אין אַ מרכבה (דער צעשויבערטער קאָפּ פון יונג, זיין אָפּגעדעקט לייב, די מיט בלוט פאַרגאָסענע פיס פונעם לעבעדיקן שייטערהויפן וואַרפן אָפּגלאַנץ אין דעם ארום און דערשרעקן מענטשלעכע הערצער). מענטשן שרעקן זיך און וויכן פאַר דעם בילד פון מעשה־מרכבה, וואָס האָט פון הימלען אַראָפּגענידערט צו דער ערד.

גייען יינגעלייט ריזן, פון 18 ביז 20 יאָר, איינגעבויגן, איינגעקוילערט אין דרייען, מיט אייטערדיקע לייבער, מיט דאַרע הענט און פיס, ווי שקעלעטן אין אויפגעריסענער בלאָטיקער וועש, מיט פּנימער, אויף וועלכע עס בליט שקאָרבוט און צרעת. יונגען געקומענע פון לאַגער — רוקט מען זיך אָפּ פון זיי מיט מורא, ווי פאַר געשפּענסטער. גייען זיי אַרום איבער די גאַסן, ווי ברענענדיקע, צאַנקענדיקע חורבות.

עס איז יום־טובדיק אויף דיינע גאַסן, וואַרשע, פון פרילינג, זומער און פון בראָד. פייערלעכע שפּאַלערן זענען אויפגעשטעלט ביי דיינע ווענט, שפּאַלערן געדיכטע פון קינדערלעך, וואָס זיצן אויף קוטשקעס און פּישטשען ווי קאַנאַרעקלעך זייער ניגון, פון אַלטע לייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט ווי אין תפילה. אָט זיצט אַ ייד מיט האַנט אויף האַרץ, פאַרגליווערט אין איין פּאָזע, טאָג נאָך טאָג. אָט שטייט אַן אַלטער מיט אַ האַנט אַ געהויבענע צום הימל און אַ זקנה מיט אויסגעדאַרטע הענט און פינגער, אויסגעשטרעקטע גיריק ווי גאָפּלען — מיט אַ צעקנייטשט פאַרמעט־געזיכט, מיט האַלב־בלינדע גיריקע אויגן...

זומער, געטאָ, 1941.

(רינגעלבלום-אַרכיוו, ערשטער טייל).